# פֿאָרן פֿאַמעלעך אין ערגעץ ניט
## גרינלאַנד
## יולי, 1998

ס'האָט ניט געזאָלט זײַן אַזוי, פֿאָרן פֿאַמעלעך אין ערגעץ ניט, נאָר ס'איז אויך קיין אומפּרעצעדענטיקער חידוש ניט – אין דער אמתן גאָר אַ געוויינטלעכע זאַך אינעם פֿאָלאַרישן אַרומפֿאָרן (ניט צו בלאָזן זיך פֿון אַ שווערער נאָר ניט קיין עקסטרעמע נסיעה טיף אין באַקאַנטער טעריטאָריע אַרײַן).

דאָס אַהערפֿאָרן איז ניט געווען אַ העלפֿט פֿון דער הנאה, דרײַ טעג פֿאַרקניפּטע פֿליִען, פֿון באָסטאָן קיין אומאַנאַק[1], און איינער אַליין דערצו. די צוויי אַנדערע וואָס האָבן געזאָלט מיטפֿאָרן זײַנען אויס נסיעה אין דער לעצטער רגע, אַדרבא צוליב אמתע אייגענע סיבות. ניט וואָס איך האָב געוואָלט, גיין איינער אַליין הינטער העק, אָבער איך האָב לאַנג געוואָלט זען דאָס לאַנד (און די פֿלי־בילעטן ווערן אַשר־יצר־פּאַפּיר אויב ניט גענוצט). די קינדער האָבן זיך אײַנגעשפּאַרט, אַז איך מוז מיטברענגען אַן E.P.I.R.B.[2], איז דאָס אַרײַן אינעם שוין שווערן פּאַק.

דער פּאַק – אָט דאָס איז גוט געגאַנגען. איך האָב געהאַט פֿריִער איבערגעשיקט דעם אָנגעלאָדנעם פּאַק אינעם האָטעל אין אומאַנאַק, מיט פֿעדעקס אָדער או.פּ.ס., ער זאָל ניט פֿאַרלוירן גיין, פֿליִען אַוועק קיין כינע אָנשטאָט מיט מיר קיין גרינלאַנד. האַלט אין מוח, אַבי וואָס פֿאַר אַן עקספּעדיטאָר איז דאָס געווען, האָבן זיי ניט געקענט פֿאַרשטיין, ווי נאָכצושפּירן אַ פּאַקונג וואָס איז אַרויס פֿון לאַנד, איז דאָס מיר געווען אַ נערוועזער חודש ביז דער גרויסער קאַסטן איז ערשט אָנגעקומען אין גרינלאַנד, דורך קאָפּנהאַגן, באַשטעטיקט סוף־כּל־סוף מיט אַ פּאָר קלונגען. ס'האָט אויף מיר געוואַרט אינעם האָטעל.

איך האָב פֿריִער געהאַט אָפּגעמאַכט מיטן דענישן אוניווערסיטעט־סטודענט, וואָס ער איז געווען דער ביוראָליסט/לײַבמענטש דעם זומער אינעם האָטעל, צו דינגען אַ שיפֿל, כּדי צו פֿאָרן אַ 45 מײַלן אויף דרום־מזרח פֿיאָרד־אַרויף כמעט צוקאָפּנס ביזן קוסופּ נואַ[3], דער טאָל וואָס איז די איינציקע עפֿענונג אינעם שטאָציקער באַרג־וואַנט וואָס איז די צפֿונדיקע זײַט פֿונעם נוסואַק־האַלבינדזל[4]. פֿון דאַנען פֿירט אַ רוטע (ניט קיין סטעשקעס) דורך פּרעכטיקע באַרג־לאַנדשאַפֿט ביז אַ לאַנגער אָזערע וואָס פֿאַרפֿולט דעם צענטער פֿונעם האַלבאינדזל, און פֿון דאַנען אַרויס קיין סאַקאַק[5], דאָס קליינע דערפֿל אויפֿן דרומדיקער זײַט. פֿון דאַנען האָב איך געקענט פֿאָרן אויפֿן ברעג־דאַמפֿער צוריק אינעם אַעראָפּאָרט. אָט איז געווען דער פּלאַן, אַ שווערע נאָר נאָך אַלץ אַ מיגלעכע, אַפֿילו איינער אַליין, אויב אָבגעהיט. אָט דאָ בין איך געווען, גאַנץ צוגעגרייט, אַ חידוש וואָס איך בין אָן שום לעצטע־רגע־נערוון.

פֿרישטיק פֿרי און אַראָפּ בײַם האַוון מיטן ביוראָליסט, נאָך אַ דעניש אוניווערסיטעט־סטודענט אַרבעטן דאָ דעם זומער, און זוויי גרינלאַנדער, פֿונעם זעלביקן עלטער, איינער מיטן שיפֿל – אַ קאַבינע־קרייסער מיט צוויי ריזיקע דרויסנדיקע מאָטאָרן – וואָס איך האָב געדינגט צו פֿאָרן פֿיאָרד־אַרויף. ס'האָט געזאָלט זײַן אַ נסיעה פֿון אַ שעה דרײַ, נאָר צוואַנציק מינוט נאָכן אָפּפֿאָר פֿונעם האַוון האָבן מיר אָנגעהויבן זיך דרייען הינהעריק אַלץ פּאַמעלעכער דורך דיקער און דיקער אײַז. דאָ און דאָרט אַ קליין אײַז־בערגל[6], נאָר ס'רובֿ

---

[1] Uummannaq: דער נאָמען פֿון אַ שטאָט פֿון אַ 1500 מענטשן, אויף אַן אינדזל מיטן זעלביקן נאָמען, אין מערבֿ גרינלאַנד, כּמעט 71° אויף צפֿון אין דער געאָגראַפֿישער ברייט.

[2] Emergency Position Indicating Rescue Beacon: ?@@@

[3] Kûssûp nûa

[4] Nûssuaq Peninsula

[5] Saqqaq: אַ שטעטל פֿון אפֿשר 200 אײַנוווינערס, אויף דער דרומדיקער זײַט פֿונעם האַלבינדזל, דעם צפֿונדיקן ברעג פֿון דיסקאָ־בוכטע (Disko Bay).

[6] דער גלעטשהסער צוקאָפּנס פֿון אומאַנאַק־פֿיאָרד איז אַ קליינינקער, ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט דעם אײַז־פֿיאָרד לעבן אילוליסאַט (Ilullissat), וואָס איז דער מקור פֿון ס'רובֿ בערג וואָס דערגרייכן דעם צפֿון־אַטלאַנטיק (אילוליסאַט "באַרימט זיך" מיט אָט דעם באַרג וואָס האָט געזונקען דעם טיטאַניק (Titanic).

קרִיעס, עטלעכט דיק נאָר אַ פּאָר צאָלן, נאָר אַ סך מער ווי אַ פֿוס אין דער גרעב, איז פֿון עטלעכע יאָרן. און טאַקע ענג אָנגעפּאַקט.

ניט קיין קרייסירן כסדרדיק פֿיאָרד־אַרויף, נאָר עפּעס אַ "שיכּורס גאַנג"[7] אַזוי גיך ווי אַ שיכּור וואָלט געקענט קריכן אויף אַלע פֿיר. ניט קיין נײַ איז האָט זיך געפֿורעמט, נאָר אין מיטן די קרִיעס איז גרינג צו מאַכן אַן אָנשטעל, מיר זײַנען מיט שעקלטאָן אויפֿן *אויסהאַלט*[8]. צוויי פֿון אונדז שטייען אויפֿן פֿאָדערבאָרד מיט שיפֿל־האָקן, אַוועקצושטויסן די פֿײַדעס איז גענוג קליין אַז זיי זאָלן זיך זאָרגן מיט די קליינע סלופּעס, פֿון דעסט וועגן איז געווען נאָך אַ סך זעצן און קראַצן, גאָר אַנדערש פֿון דאָס אַרײַנפֿאָרן אינעם האַוון בײַ בראַוטאָן־אינדזל[9] אין 1982. דעמאָלט, פּנים אַל פּנים מיט די זאַלביקע צושטאַנדן,זײַנען די צוויי אינויִטן וואָס נעמען אונדז צוריק אין "דער גרויסער שטאָט" נאָך אַ נסיעה צו פֿוס אויף באַפֿין־אינדזל אַזוי פּאַמעלעך און אַזוי זאָרגעוודיק געפֿאָרן, אַז איך מיין אַז דאָס איז האָט קיין מאָל ניט אָנגעטאַפּט דאָס שיפֿל.

טאַקע פֿאָרן פּאַמעלעך אין ערגעץ ניט. מיט אַן אָנדערטהאַלבן שעה שפּעטער, האָבן מיר נאָך ניט גוט געמאַכט אַ העלפֿט פֿון דער ווײַטקײַט ביזן ציל. איין מאָל זײַנען מיר אַ פּאָר הונדערטע אָפֿענע יאַרד פֿון אַ גרויסן גראָזיקן פֿאַך צופֿוסנס פֿון דער גאָר שטאָציקער וואַנט פֿונעם האַלבאינדזל. איינער פֿון די בחורים האָט פֿירגעלייגט איך זאָל דאָרט גיין אויף דער יבשה. אַרויפֿקלעטערן די וואַנט אין געווען אומיגלעך (אַוודאי פֿאַר מיר, מיט אָדער אָן דעם היפּש גרויסן פּאַק), אָבער אפֿשר קען איך געפֿינען אַ וועג (15 מײַלן?!) פּאַזע ברעג. אַ גיך קוק מיטן בינאָקל, שטייענדיק אויפֿן קאַבינע, האָט די אידעע אָפּגעוואָרפֿן. דער פֿאַך איז פֿאַרשווונדען געוואָרן אין יידע ריכטונגען פּינקט אין גאָלע שטאָציקן שטיין פֿאַלנדיק גלײַך אין וואַסער אַרײַן. ("איוונאַרסואַק[10]" איז אַן אָפּט־געפֿונענער אָרט־נעמען אין גרינלאַנד, וואָס איז טײַטש אָט דאָס). איך וואָלט געקענט לאַגערן אויפֿן פֿאַך ביז דאָס עסן איז אויפֿגעגעסן געוואָרן, און דעמאָלט געניצט דעם E.P.I.R.B. צו קריגן אַ פֿאָר צוריק אין שטעטל.

פֿינף האַלבן שעה פֿאָרן פֿון אומאַנאַק זײַנען מיר געווען פּנים אַל פּנים מיט צעשפּאַלטן נאָר צוגערירטן פּאַק, נאָך ווײַט אַ מײַל אַכט פֿונעם ערשטן מיגלעכן לאַנדן־אָרט. שוין צײַט זיך אַרומצודרייען, צוריקקערן אַהיים. צוריקפֿאָרנקיק האָבן די וואָס זײַנען ניט פֿאַרנומען מיט פֿירן אָדער אַוועקשטויסן קרִיעס געשאָסן מיט דער ביקס נאָך דער ריי אויף די אײַזבערג אין דער אַרום. אפֿשר וועט אַ באַרג זיך איבערקערן אָדער קעלבן, אפֿשר נאָר פֿאַר דאָס, פֿאַר וואָס ניט. זיי זײַנען געווען גענוג ווײַט אַוועק, אַז מיר וואָלטן (מסתּמא) זיך ניט דערטרינקען אין די כוואַליעס, אָבער בעסער ווי ס'איז געווען, איז גאָרנישט ניט געשען. משמעות זײַנען ניט געווען קיין שיפֿלעך ווו מע שיסט. איך בין זיך מודה אַז איך האָב אויך געשאָסן (און איך האָב יאָ געקענט טרעפֿן די זײַט פֿון אַ באַרג), אַראָפּשלינגען די חששים. אויפֿן האַלבן וועג זײַנען מיר פֿאַרבײַ נאָענט צו איקעראַסאַק[11], אַ דאָרף מיט אַ באַפֿעלקערונג פֿון 200-250 נפֿשות, האָבן די יאַטן איצט פֿירגעלייגט, אַז איך זאָל גיין אין דאָרף אַרײַן. דאָרט זאָל איך לאַגערן, פּרובירן געפֿינען אַ פֿישער וואָס קענט גוט דעם פֿיאָרד; אפֿשר וועט ער קענען מיך ברענגען צוקאָפּנס אין פֿיאָרד אַרויף. דעם פֿירלייג האָב איך אויך אָפּגעלאָזט – וואָס זאָל גרעסער קענטעניש טון פּנים אַל פּנים מיט אַ וואַנט פֿון אײַז, ניט צו רעדן פֿון דער פּראָבלעם, וואָס ענגליש־רעדערס זײַנען זעלטן אינעם דאָרף (ייִדיש? יאָ, אַוודאי). ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט, נאָר דער קאָפּ מײַנער איז פֿאַרנומען געווען נאָר מיטן שפּאַציר.

איך וואָלט געקענט טאָן דאָס שפּאַציר אַ ביסל גיכער ווי פֿריִער פּלאַנירט, אָן העלדישע מהלכן אַלע טאָג, דערפֿאַר וואָלט איך געקענט בלײַבן אין אומאַנאַק אַ פּאָר טעג, וואַרטן: אַ שטאַרקער ווינט פֿונעם דרום־מזרח זאָל אַרויסבלאָזן דאָס אײַז (ס'רובֿ) אַרויס פֿונעם פֿיאָרד, אָדער וויִיניקסטענס מאַכן עס גענוג לויז. צוריק

---

[7] Drunkard's Walk: אַ מאַטעמאַטישער באַגריף: אַ פּונקט באַוועגט זיך אַלע מאָל אַ באַשיטמטער ווײַטקייט נאָט אין אַ ריכטונג אויסגעקליבן אויף טראַף.

[8] Shackleton און זײַן שיף *Endurance*, די באַרימטע עקספּעדיציע פֿון 1914-1917 (מיט דער צײַט וועט אַרויסקומען אַן איבערזעצונג מײַנע פֿון שעקלטאָנס בוך *דרום*, די דרײַ נסימדיקע נסיעות אויף דער דאָזיקער עקספּעדיציע)

[9] Broughton Island, אַ קליין אינדזל לעבן Baffin Island, Nunavut, די מזרחדיקסטע טייל פֿונעם קאַנאַדישן אַרצטיק.

[10] Ivnarssuaq

[11] Ikerasak

אינעם האָטעל. אומאַנאַק איז ניט קיין גרויסער שטאָט, אפֿשר 1500 מענטשן, נאָר ווי אַנטערע שטעט און שטעטלעך אין גרינלאַנד, איז אַלע מאָל פֿאַראַן עפּעס אַ גוטער (טײַערער) האָטעל מיט אַ פֿיינער רעסטאָראַן, אָפֿט מאָל אינעם אַעראָפּאָרט.

צו מאָרגנס, אַז איך קום אַראָפּ די טראַפּ אויף צו עסן פֿרישטיק, האָב איך דערזען דעם ביוראָליסט מיט אַן עלטערן גרינלאַנדער, וואָס, ווײַזט זיך אויס, איז געווען דער פֿאַרוואַלטער, אַז זיי טוליען זיך צוזאַמען איבער אַ רינגלהעפֿט, עפּעס ערנסט אַרומרעדן. אַז איך בין פֿאַרבײַגעגאַנגען האָב איך געמוזט כאַפּן אַ בליק אויף דער העפֿט – אַ חידוש! איך האָב דערקענט איינעם אַ בריוו מײַנעם, צום האָטעל, אויססדרן רעסערוואַציעס, דאָס אָפּשיקן דעם פּאַק, דינגן דאָס שיפֿל צו פֿאָרן פֿיאָרד־אַרויף.וועגן וואָס האָבן זיי זיך געזאָרגט?? מורא פֿאַר לאָדנדיקע אַמעריקאַנער, האָט זיך אויסגעוויזן. נאָך אַ סך אַרומרעדן האָב איך אַרויסגערעכנט, אַז זיי האָבן מורא, איך וואָלט געטענהט זיי האָט מיר געהאַט צוגעזאָגט מיך צו ברענגען צוקאָפּנס אין פֿיאָרד, ניט נאָר צוגעזאָגט אַ פּרוּוו צו טאָן; אויב אַזוי, אַ ווייטערער פּרוּוו האָט געזאָלט זײַן אַן אומזיסטער. האָב איך זיי מבֿטיח געווען, אַז טאָמער דער מצבֿ ווערט בעסער, וואָלט איך נאָך אַ מאָל באַצאָלן, און אַרײַן עסן פֿרישטיק.



**אומאַנאַק־אינדזל**

שלינג־און־שלאַנג אין אומאַנאַק – איך בין געגאַנגען צו פֿוס אומעטום אין שטעטל, געוויינטלעך פּאַזע דעם פּאָטקאָווע־געפֿורעמטן האַוון (כמעט דאָס גאַנצע שטעטל), האַלטן אַן אויג אויף די שיפֿלעך, שמועסן מיט די פֿאַרבײַגייערס וואָס קענען כאָטש אַ ביסל ענגליש[12]. דער וועטער האָט זיך אָפֿט איבערגעביטן, געוויינטלעך וואַרעם מיט זון (50°ף), איין טאָג פֿײַכט מיט רעגנטלעך (35°-40°ף), נאָר זעלטן מיט אַ ווינט, קיין מאָל ניט קיין שטאַרקער ווינט פֿונעם דרום־מזרח. וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן, אָ, די מענטשהייט![13] ניט אַזוי שלעכט, טאַקע, אַחוץ דעם וואָס איך האָב ניט געהאַט וואָס צו לייענען. אינעם פּאַק איז אַוועקגעלייגט אַ "קלענערן דיקענס", נאָר דאָס איז געמיינט "פֿאַר דער נסיעה", האָב איך גלייבעכצדיק דאָס ניט געוואָלט אַרויסנעמען, האָב איך געדאַרפֿט בלײַבן מיט אַ מיטלמאָסיק אַעראָפּלאַן־בוך, וואָס איך האָב אים איבערגעלייענט אַ מאָל דרײַ־פֿיר. דאָס היגע לייענוואַרג איז געווען אָדער אויף דעניש אָדער אויף גרינלאַנדיש.

נאָך פֿיר טעג האָב איך זיך אונטערגעגעבן, געקויפֿט אַן אַעראָפּלאַן־בילעט – אין דער אמתן אַ העליקאָפּטער־בילעט – קיין אילוליסאַט[14], ווּ איך וועל עפּעס געפֿינען צו טאָן. די העליקאָפּטער־רוטע פֿירט פּונקט אַריבערן האַלבינדזל ווּ איך האָב געזאָלט זײַן. אַ ריזיקע קרייסער־שיף איז געווען דאָ אין האַוון, האָב

---

[12] שפּעטער, בײַ דער סוף פֿון דער נסיעה, האָב איך זיך טאַקע באַגעגנט מיט אַ פּאָרפֿאָלק ייִדיש־רעדערס, איז דאָס אָבער אַן אַנדער מעשׂה.

[13] גענומען פֿון דעם אָנזאָגער, Herbert Morrison, אַז ער באַשרײַבט די הינדנערג־שׂרפֿה: Oh, the humanity!

[14] Ilullissat, די דריטע גרעסטע שטאָט אין גרינלאַנד, באַפֿעלקערונג 5000. Nuuk (די הויפּטשטאָט) און Sisimiut זײַנען די גרעסערע

איך געשמועסט מיט איינעם אַ שיפֿקאַסיר, האָט ער מיר געזאָגט אַז איך האָב געקענט קריגן אַ קאַבינע ("געדערעם־קלאַס", לאָמיר זאָגן), אויף דער שיף, פֿאָרן אַרום דעם האַלבינדזל קיין סאַקאַק, ווו דאָס שפּאַציר האָט זיך געזאָלט ענדיקן. איך האָב געקענט טאָן כּמעט די גאַנצע נסיעה ווי אַ שלייף פֿון דאָרטן, בין איך אַרומגעלאָפֿן אַריבערטראָגן דאָס געצײַג, אײַנקאַסירן דעם אַעראָפּלאַן־בילעט, און סוף־כּל־סוף קומען אַליין אויפֿן באָרד.

איך האָב ניט געזאָלט קיינעם לאָזן וויסן, אַז איך בין דאָ אויף דער שיף נאָר ביזן אָנקום אין סאַקאַק, האָט מיר דערקלערט דער קאַסיר, וואָס איז געווען אַ ביסל נאַריש, ווײַל די אַלע אַנדערע קענען זיך שוין, און איך טראָג (נאָך אַלץ ריינע) לאַגערן־קליידער. צוויי טעג מיט אַ נאַכט איז אַלץ געווען גאָר פֿאָש, פֿאָרן באַקוועם, אָן שום מי בײַ בילד שיין לאַנדשאַפֿט אין מיטן אײַזבערג פֿון אַלע געשטאַלטן. די דאָזיקע מעשׂה פֿון דער נסיעה ביז אַהער האָט מיר פֿאַרדינט אַ פּאָר כּוסעס, און ס'איז מיר אײַנגעפֿאַלן, אַז איך בין געווען סאַט פֿון דער אייגענער געזעלשאַפֿט.




**אומאַנאַק פֿיאָרד, פֿרײַ פֿון אײַז**

איקעראַסאַק שטייט פֿאַרצייכנט אין מיטן. דער גלעטשער אויף רעכטס, Store Gletsher (דעניש פֿאַר "גרויסער גלעטשער"), איז דער קוואַל פֿאַר די אײַזבערג אינעם פֿיאָרד. ס'רובֿ אײַז אינעם בילד (לעבן דעם גלעטשער און אויף דרום פֿון איקעראַסאַק) איז קריִעס, פֿאַרפֿרוירן ים־אײַז.

**U** (אויף לינקס, אַ "1¼ אַראָפּ): פּונקט בײַם קאַנט פֿונעם פֿאָטאָ, די שטאָט און דער אינדזל אומאַנאַק

**B** (דאָס מערבֿדיקע פּנים פֿונעם גרויסן אינדזל ( Storøen – "דער גרויסער אינדזל" –, אָדער Sagdliaruseq ) אויבן אויף לינקס): איינער פֿון די צוויי ערטער אין אָט דעם געגנט וואָס מע רופֿט זיי Ivnarssuaq ("suaq" איז אַ סופֿיקס, טײַטש "זייער גרויס"; דער גאַנצער נאָמען איז טײַטש (מיין איך) "גאָר גרויסע סקאַלע וואָס פֿאַלט אַראָפּ שטאָציק אין וואַסער אַרײַן; יענער, פּונקט "אַרום דעם עק" פֿון דער שטאָט, איז אַ פֿויגל־סקאַליע, מיט טויזנטער קליינע אַקס[15] און אַנדערע ים־פֿייגל, מאַכן נעסטן, פֿליִען אַרום וואָלקנוויַיז, גוואַלדיק שרײַען – אַ ווּנדער.

**S,I,L,K** שטייען פֿאַזע דעם דרומדיקן ברעג פֿיאָרד, אין אָט דעם סדר, פֿון לינקס אויף רעכטס:

**S**: דער גראָזיקער פֿאַך

**I**: דער צווייטער Ivnarssuaq

**L**: דער מערבֿדיקסטער אָרט ווו ס'איז מיגלעך צו לאַנדן.

**K**: Kûgssûp nûa, דער פֿוס פֿונעם טאָל ווו ס'הייבט זיך אָן דאָס שפּאַציר, פֿירן שטראָם־אַרויף, אויף מזרח פֿון דרום אינעם Nûgssuaq ־האַלבינדזל אַרײַן.

---

[15] little auks

======================
דרוקרעכט © 2009 בעריש גאָלדשטיין
Copyright © 2009 Barry Goldstein
5 December 2009 3:29 PM
fornpamelekh.doc
================